NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06684

GUT MORGN

Israel Goichberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גוט מארגן

פון

י. גויכבערג

אילוסטרירט פון

נ. קאָזלאָווסקי

פארלאג מתנות

ניו יאָרק, 1928

Copyright, 1928
by
ISRAEL GOICHBERG
New York

פינסקי־מזל פרעס, אינק., 84 באוערי, נ. י.

טרימען א מתנה.

אינהאלט:

גוט מארגן	7
חייקערס	9
דריי אינגעלאך	11
אויף רעדלאך	13
מזלדיקער האז	15
אייזיק מזיק	17
שומר	19
שלאף־צייט	22
דער שטערן	23
פאלי	25
בייבי היפא	26
די פאווע	27
די אויבערבאן	28
דער לאקאמאטיוו	31
די שפראך פון גאס	32
לינדבערג	33
קינא לאנד	34
הארבסט	37
זינג כל זמן עס זינגט זיך	38
ווינטער פרייד	40
א מעשהלע־שעה	43
א לעגענדע	44
שטיפעריי	47
דער באבעס מעשה	56
חנוכה	62

גוט מאָרגן

אַ וועלט אַ ליכטיקע,
אַ וועלט אַ ציכטיקע,
און הימלען בלאָע שמייכלען פון דערווייטן,
און מיר איז גוט אַזוי,
און מיר איז וואויל אַזוי,
איך וואָלט מיט קיינעם נישט, מיט קיינעם זיך נים בייטן.

גוט מאָרגן, אינגעלאַך,
מיט לאָקן־רינגעלאַך,
מיט זיסע זילבער־קעלעכלאַך ווי גלעקלאַך,
גוט מאָרגן מיידעלאַך,
אין ווייסע קליידעלאַך,
מיט פרישע ווייכע רויט־צעפלאַמטע בעקלאַך.

פון הענט — אַ קראַנץ געשפּריים!
די פיס — צום טאַנצן גרייט!
און זינגט און שפּרינגט, אַז קלינגען זאָל פון ווייטן,
און זינגען וועט מיט אייך,
און קלינגען וועט מיט אייך
דער וואַלד, דאָס פעלד און אַלץ פון אַלע זייטן.

„הייקערס“

אויף שפּאַציר,
אויף שפּאַציר,
מיט די פּעקלאַך איינגעפּאַקט
ווערסט ניט מיד,
מיט אַ ליד
וויגן זיך די פיס צום טאַקט.

אונדזער וועלט —
וואַלד און פעלד
און דער לאַנגער שוואַרצער וועג.
אַט אַ קומט,
אַט אַ ברומט,
און ניטאַ אים, און אוועק.

אזא פרייד
ליגט צעשפרייט
אויף די וועגן גלייך און קרום,
וואס מיר היים,
ווער מיר היים,
אונדזער היים איז אומעטום.

צייט פאר רו ,
צייט פאר רו ,
צייט צו לאגערן אויף נאכט,
צי זיך אוים
ווי ביסט גרוים,
עס און טרינק וואס האסט געבראכט.

זון פארגייט
און באלייט
מידן טאג אין רו אריין,
מידער שלאף,
זיסער שלאף,
ביזן ווייסן מארגן-שיין.

דריי אינגעלאַך

די מאַמע האָט דריי אינגעלאַך,
דריי אינגעלאַך געהאַט
מיט ווייכע רויטע בעקעלאַך,
ווי צאַרטער סאַמעט גלאַט.

האָט איינס געהייסן בערעלע,
דאָס צווייטע — חיים־שמערעלע,
דאָס דריטע האָט געהייסן —
מע זאָל אים קויפן שיך.

איך האָב אייך אָפּגענאַרט,
איך האָב געוואוסט איר וואַרט,
דאָס דריטע קליינע אינגעלע,
דאָס דריטע — דאָס בין איך.

די מאַמע האָט דריי ניסעלאַך
פון דעם יאַריד געבראַכט,
דריי גוטע פעטע ניסעלאַך,
דריי ניסעלאַך אַ פּראַכט!

איז איינס געווען פאַר בערעלען,
און איינס פאַר חיים-שמערעלען
און גאָר דאָס בעסטע ניסל —
האָט זי געלאָזט פאַר זיך.

איר וואונדערט זיך אַביסל,
פאַרוואָס ניט מיר אַ ניסל?
ווייל ניסן, ניסן ניסעלע
דאָס דריטע — דאָס בין איך.

די מאַמע האָט אַהיים געבראַכט
צוויי ניסעלאַך און מיך,
צוויי ניסלאַך פאַר די ברידערלאַך
און מיר — צוויי נייע שיך.

אויף רעדלאַך

רעדלעך, רעדלעך רעדעלאַך
אויף יעדן פֿוס צו פֿיר,
אויף שטעגן-וועגן גלאַטינקע,
געפלאַסטערט בלויז פֿאַר מיר.

דאָס ערשטע רעדלט רידל-ראַ,
דאָס צווייטע — רידל-רוים,
דאָס דריטע רעדלט רידל-רי,
דאָס פֿערטע הערט מען קוים.

אַז הינטל־זוינטל לויפט געשווינט,
ווייסט יעדערער פון אייך,
דאָך קאָן עס קיינמאָל, קיינמאָל ניט
זיך יאָגן מיט מיר גלייך.

ווייל רעדל איינס מאַכט רידל־ראַ,
דאָס צווייטע — רידל רוים,
דאָס דריטע רעדלט רידל־רי,
דאָס פערטע הערט מען קוים.

נאָר פּלוצלונג — אוי אַ צרה מיר!
אַ טראַך אין ד'ערד אַריין,
עס שפּריצן בליצן שטערנדלאַך,
און איך — איך זע קיין שיין.

עס שווייגן מיינע רעדלאַך,
פאַרשטומט איז רידל־רוים,
און איך, דער גרויסער העלד אליין —
איך ליג און ריר זיך קוים.

מזלדיקער האָז

מזלדיקער האָז,
מזלדיקער האָז,
פֿאַלסט ניט אויפֿ'ן שכל,
פֿאַלסטו אויף דער נאָז.

טוסטו אויס זיך באָרוועס,
טרעטסטו אָן אויף גלאָז,
גייסטו רייסן עפּל,
פּאַטשט דער באַלעבאָס.

שרייבסטו אָפּ אַ בלעטל,
גיסטו אויס די טינט,
גייסט אין גאַס זיך שפּילן,
בייסן דיך די הינט.

טראָגסט אַ נייעם רעקל,
האָט דער פּלויט אַ טשוואַק,
גייסטו זען די ציגן,
בוקעט דיך דער באָק.

שפּילסטו אין מלחמה,
טרעפט עס דיך אליין,
כאַפּסטו אין די זייטן
באַלד דעם ערשטן שטיין.

גייסט זיך זומער באָדן
טרענקסטו זיך אין טייך,
גייסט זיך ווינטער גליטשן,
טוסטו פאַלן גלייך.

מזלדיקער האָז,
מזלדיקער האָז,
פאַלסט ניט אויפ'ן שכל,
פאַלסטו אויף דער נאָז.

אייזיק מזיק

גֿעקומען איז אייזיקל מזיק צוגײן
צו דער מאַמען אין קיך מיט אַ ביטער געוויין:
בו־הו און בו־הו און בו־הו און בו־הו,
צו דער מאַמען אין קיך מיט געוויין.

וואָס וויינסטו, מיין תכשיט, וואָס איז דיר, מיין קינד?
וואָס האָט זיך געטראָפֿן? נו, זאָג שוין געשווינד!
— בו־הו און בו־הו און בו־הו,
— נו, זאָג שוין, נו רעד שוין געשווינד!

— דער פֿאַ האָט גענומען צעקנאַקן אַ נוס
און האָט זיך דעם האַמער געוואָרפֿן אין פֿוס,
בו־הו און בו־הו און בו־הו,
דעם האַמער געוואָרפֿן אין פֿוס.

— איז וואָס אַז דער פֿאַ האָט געקראָגן אַ זעץ,
האָסטו זיך צעוויינען געדאַרפֿט, בחורעץ?
קיין עין הרע אַ בחור פֿון אַכט!
— בו־הו און בו־הו און בו־הו,
איך האָב נישט געוויינט — כ'האָב געלאַכט.

שומר

שומר, שומר, היט היט, היט,
מיין הויז צעברעכן זאָל מען ניט.
ווער צעברעכן ס'וועט מיין הויז,
דער וועט האָבן צרות גרויס.
צרות גרויס און צרות קליין,
צרות הארבער נאָך ווי כריין:
ער וועט מוזן לויפן באַלד,
ברענגען האָלץ אַ פור פון וואַלד.

האַקן שטיינער, גראָבן ליים
פאַר מיין נייער שיינער היים.
און מיט האַמער, און מיט זעג,
און מיט טשוועקעס פולע פּעק,
פון דערפרי ביז שפּעט באַנאַכט,
ניט געשלאָפן, נאָר געוואַכט.
האַק, און זעץ, און בראַק און קלאַפּ,
דאָס אַ נעם, און דאָס אַ כאַפּ.

דאַרף ער ציגל — קריגט ער שטיין,
דאַרף ער טשוועקעס — קריגט ער ביין.
אַט אַזוי אַ וואָכן פיר,
און געמאַכט — אַ שפּיץ פון טיר.
און די צייט, זי פליט די צייט,
און פון פאַרטיק — ווייט נאָך ווייט.
נישט קיין דאַך, און נישט קיין ווענט,
און צעהרגעט זיך די הענט.

היינט דער קומען אין דער הויך,
און דער שיינער בלאָער רויך,
היינט ווער שמועסט פון ווינקלען פיר?
און פון פיינעם סקריפּ פון טיר?
און דאָס לעכל פון דעם שלאָס?
סאַראַ ווייטיק, אַ פאַרדראָס!
זיץ און קלאַפּ און זיץ —
האָסט צעבראָכן — איצטער שוויץ.



שלאָף־צייט

ער, וואָס צעאַרבעט דו האָסט היינט, מיין זונעלע,
פֿול איז דיין טאָג שוין מיט פֿריידיקער שפּיל,
איצט ליגט די זון הינטער בערג אַ פֿאַרלאָשענע
איצט שוועבט דער אָוונט אויף פֿליגעלאַך שטיל.

קום שוין אין הויז אריין, קום שוין, מיין זונעלע,
זאָג גוטע נאַכט צו דער חברשער גאַס,
מיד ביסטו, שוואַך ביסטו, שטיפערל קליינינקער,
אייגעלאַך קלעפּן זיך, פּנימל — בלאַס.

באַרשט אויס די ציינדעלאַך, וואַש אָפּ דאָס פּנימל,
ניאָרע זיך איין אין דעם קלאָרינקן בעט,
כ'האָב נאָך אַ קוש פאַר מיין זונעלעס „שלאָף־געזונט".
שלאָף זשע שוין, אינגעלע, שלאָף שוין, ס'איז שפּעט.

דער שטערן

פון דעם בלאָען הימל,
פון דעם טיפן, טיפן,
ווינקט צו מיר אַ שטערן,
הערט ניט אויף צו שטיפן,
ווינקט צו מיר אַריין.



ליג איך מיר באַם פענצטער
רואיק אויסגעצויגן,
קוק אַרויף צום הימל,
ריים ניט אָפּ די אויגן:
וואָס זאָל דאָרטן זיין?

און דער שטערן פינקלט
שטיפערישער פארשייטער
און פארנארט מיין בליק אלץ
ווייטער, ווייטער, ווייטער
מיט זיין כישוף האנט....

און איך בלאנדזשע אומעט
איבער וואונדער שטעגן,
איבער בלאָע פעלדער,
איבער מילך-וועגן
אין אַ צויבער לאנד.

און מיין בליק — ער רייסט זיך
העכער, העכער, העכער,
עפּעס ווי אים ווילט זיך
אין דעם בלאָען בעכער
קומען צו אַ גרונט.

און ער טרענקט זיך, טרענקט זיך,
אַלעס ווערט פאַרפלויגן,
און איך פיל ווי עמעץ
מאַכט מיר צו די אויגן,
שעפּטשעט: שלאָף געזונט...

פּאָלי

העי, דו גרינער פּאָפּוגיי,
מיט'ן שנאָבל ווי א שופר,
זאָג, וואָס שרייסטו אַיי און איי
גאַנצע טעג אָן אויפהער?
פּינטלט פּאָלי מיט'ן אייגל,
שרייט און פּינטלט מיט'ן אייגל:
פּאָלי וויל אַ בייגל!

בייבי היפּאָ

בייבי־היפּאָ, קריך אַרויס,
העי, היפּאָפּאָטאַמוס,
קריך אַרויס, דו קליינער שנעק,
זונעלע דער מאַמעס!

בייבי־היפּאָ, קריך אַרויס
פֿון דעם קאַלטן וואַסער,
נו, געָנוג שוין ליגן דיר
גאַנצע טעג אַ נאַסער.

אוי, ער קריכט שוין: זע ווי גראָב,
יעדער פֿוס — אַ פֿעסל,
און אַ מאָרדע און אַ קאָפּ —
ווי דער באָבעס קעסל.

בייבי־היפּאָ, שטעל אַ פֿוס,
שפּאַן אַביסל גיכער,
שלעפּ שוין דאָרט דעם פֿעטן גוף,
ריר זיך, פֿוילער קריכער!

די פּאַווע

פּאַווענקע — טשיקאַווענקע,
מיט די צען קאָלירן,
עפן אויף דיין פעכער ברייט,
קום אַרום שפּאַצירן.

פּאַווענקע — טשיקאַווענקע,
שענסטע פון אונדז אַלע,
קום באַווייז דיין פאַרבן-קלייד,
אויסגעפּוצטע כלה.

פּאַווענקע — טשיקאַווענקע,
טעג וואָלט איך געזעסן
און אין דיר געשפּיגלט זיך,
ליכטיקע פּרינצעסן.

פּאַווענקע — טשיקאַווענקע,
ווילסט ניט? וואָס זשע טויג עס?
האָסט דיין פעכער צוגעמאַכט,
בין איך מיט דיר ברוגז.



די אויבערבאַן

שלענגלט זיך די אויבערבאַן
ווי אַ ברוינע שלאַנג.
טראָגט זי זיך און יאָגט זי זיך
איבער רעלסן לאַנג.

רויטע, גרינע לעמפּעלאַך
גריסן אונדז באַם וועג.
אַט מיט האַנט צו גרייכן זיי,
אַט שוין ווייט אַוועק.

קומט פון ווייט אַ צווייטע באַן,
טראָגט זיך פול געפּאַקט,
ברענט זי מיט די אויגן רויט
און זי פּויקט צום טאַקט.

אויבער — אויבער — אויבערבאַן
קלאַפּן רעדער צו,
אויבער — אויבער — אויבערבאַן,
ווייסטו ניט קיין רו?

— אַך, ווי קאָן איך רוען דען?
רו איז ניט פאַר מיר,
צו דער אַרבעט פיר איך איצט
טאַטעס אָן אַ שיער.

עסן דאַרפן קינדער דאָך,
שיכלאַך און אַ קלייד,
ווער זשע וועט דאָס שאַפן אַלין,
ווער וועט מאַכן גרייט?

און אז אָוונט קומט צו גיין,
ווערט מיין יאָגן גרוים:
מיליאָנען אייגעלאך
קוקן שוין ארוים.

קוקן שוין און וואַרטן שוין
אויפ'ן טאַטנס פרייד.
ווי זשע קאָן איך לאָזן זיי
בלייבן לאַנג צעשיידט?

דער לאָקאָמאָטיוו

ער, וואָס פאַר אַ קרעפּטעלע
דער אייזערנער פאַרמאָגט!
סאַראַ ברום אַ מעכטיקן
דער דאַמפּיקער צעטראָגט!
פון זיין הוסט אויף מיילן ווייט
די לופט פאַרציטערט ווערט,
פון זיין פראַך דעם שרעקלאַכן
עס טרייסלט זיך די ערד.
און ער שפּייט זיין דאַמף אַרויס
אין ווייסע קנוילן הויך,
און זיין ליולקע וואָלקנט זיך
מיט שוואַרצע זיילן רויך.
און ער פליט און קאַטשעט זיך,
ווי ס'וואָלט אַ שד געיאָגט,
ער, וואָס פאַר אַ קרעפּטעלע
דער אייזערנער פאַרמאָגט!

די שפראַך פון גאַס

כאַ-כאַ און פאַך-פאַך און קלינג-קלאַנג און הו-חו....
די רווישיקע גאַס איז שוין וואַך.
כאַ-כאַ און פאַך-פאַך און קלינג-קלאַנג און הו-חו...
און דאָס איז די גאַסיקע שפּראַך.

אָט הערט זיך פון קינדער דאָס קייכן און לאַכן,
אָט טראָגט זיך אַן אָטאָ פאַרביי
און ס'מישט זיך צוזאַמען זיין ברומען און פראַכן
מיט קלאַנג און גערויש פון טראַמווײ.

אָט הערט זיך דאָס גרילצן פון הייזעריקע טענער:
דעם שפּיל-קאַסטנס גאַסן מוזיק,
אָט טראָגט זיך אַ רעוו ווי פון טויזנטער אָקסן:
דאָס ריזיקע קול פון פאַבריק.

אָט הערט זיך פון ווייטן דאָס אײַזערנע פראַכן
פון לאָקאָמאָטיוו ערגעץ וואו,
אַ פראַך!... און צעשיט זיך אין שברימלאַך קליינע,
און נאָכדעם: קלינג-קלאַנג און הו... חו...

לינדבערג

לינדי, לינדי, לינדי — לינד,
גרינגער, פלינקער פון דעם ווינט.
טוט אַ הויב זיך און אַ רים —
ערשט ניו-יאָרק — און שוין פּאַריז.

זאָגט, ווי ברייט איז לינדיס שפּאַן?
— ווי אַטלאַנטיק אָקעאַן.
און ווי הויך איז לינדיס פלי?
— ווי דער ווייטער שטערן-גלי.
און ווי גרויס איז לינדיס מוט?
— פרעג די וועלט, זי ווייסט עס גוט.

לינדי, לינדי, לינדי — לינד,
גרינגער, פלינקער פון דעם ווינט.

קינאָ-לאַנד

קינאָ-לאַנד, קינאָ-לאַנד — כּישוּף און פּראַכט,
לענדער-פֿאַרוואָרפֿענע — נאָענט געמאַכט,
מענטשן און וועלדער פֿון אַפֿריקע-ווילד
שפּרינגען אַרויס אין אַ לעבעדיק בילד.
שפּרייט זיך די דזשאָנגל אָט דאָ לעבן דיר:
דער לעמפּערט געשטרייפֿט אין זיין פֿאַרביקן ציר,
דער שפּרונג פֿונ'ם טיגער פֿון פֿינצטערן וואַלד,
דאָס שטאָלצע און מעכטיקע לייבן-געשטאַלט.

מאַלפּעס פֿאַרפּלאָנטערט אין טראָפּישן פּלאָנץ,
נאַקעטע ווילדע מיט פּויק און מיט טאַנץ.
זיצסט אין דער פֿינצטער און ס'דוכט זיך דיר אויס:
די זון — אַזוי גליאיק, די היץ — אַזוי גרויס.
און פּלוצלונג — אַ כּישוף, אַ מאַגישער ריר —
און ס'ליגט שוין דער שנייאיקער צפֿון פֿאַר דיר.
טונדרעס צעשפּרייט אַזוי בלענדנדיק ווייס,
ימען פֿאַרקאָוועט מיט אייביקן אייז.
שניי־ווייסע בערן מיט וואַגיקע טריט
שלעפּן זיך לאַנגזאַמע, שלעפּן זיך מיד.
טשאַטעס פֿון ים־הינט צעשפּרייטע באַם ברעג,
אַ שפּרונג, און אַ טויך, און אַ שווים און אַוועק.
רונדיקע הייזלאַך געפֿורעמט פֿון שניי,
שליטנס מיט הירשן געשפּאַנט אין אַ ריי,
מענטשן ווי בערן אין פֿוטער געקליידט.
בלענדיקע פֿעלדער מיט שנייען פֿאַרוויט.

זיצסטו און גאַפסט אויף דער שניי־ווייסער וועלט,
דאַכט זיך דו פילסט אַזאַ ביטערע קעלט.
נאָר פלוצלונג אַ ריר — און פארשוואונדן דער שניי,
דערוואַכט פון אַ חלום — און ווידער בראַדוויי.
קינאָ־לאַנד קינאָ־לאַנד — כישוף און פּראַכט,
לענדער פאַרוואָרפענע — נאָענט געמאַכט.

האַרבסט

שאָרך, שאָרך...
און אַ בלעטל פאַלט
שאָרך, שאָרך,
געפלדיק און קאַלט.

טריפ, טראָפ...
און אַ רעגן שפריצט,
טריפ, טראָפ,
זומער גוססט איצט.

שאַ, שאַ...
טויט איז אַלץ אַצינד,
שאַ, שאַ,
הערסט עס וויינט דער ווינט?...

זינג כל זמן עס זינגט זיך

(נאָכן רוסישן)

טויט פאַרגליווערט ליגט אינגאַנצן
די נאַטור אין ווינטער,
ווי אַ טויטער אין תּכריכים
קוקט זי אויס אַצינדער.

נאָר דער פרילינג קומט דאָך ווידער,
אַלץ ווערט ניי־געבאָרן,
קומען וועלן מער שוין קיינמאָל
נאָר די קינדער יאָרן.

זינג זשע, לוסטיק אינגל מיינער,
זינג כל זמן עס זינגט זיך,
זאָל אַ ליד פון ברוסט דער יונגער
קלינגען, ווען עס קלינגט זיך.

ס׳קומט אַ צייט, זי וועט דיין קאָפּ
מיט גרויע האָר באַשיטן,
בלייכער וועט דיין פּנים ווערן
און דאָס קול פאַרביטן.

וועסטו הערן קינדער זינגען,
וועסטו זיך פֿאַרקלערן,
און אַ וואָלקן וועט באַדעקן
דיין צעקנייטשטן שטערן.

ווידער וועט דאָס קינדער לידל
אין זכרון שוועבן...
און אַ סטרונע אין דיין האַרצן
וועט אַ ציטער געבן.

ווינטער פרייד

אַ ווינטער פרייד, מיין ווינטער פרייד,
דו קומסט אין ווייסן שניי געקליידט,
דו קומסט אין פראָסט און אייז געשמידט,
און דאָך, ווי היים איז מיין געמיט!

אַ ווינטער פרייד אין פרענקלין פּארק,
פון יעדן ווייס באַשנייטן באַרג
עס פליען שליטלאַך טשאַטעסווייז
אויף שליאַכן גלאַט ווי שפּיגל־אייז.

דו פליסט און בעטסט זיך: בלייב ניט שטיין,
נאָר ווייטער גיין, נאָר שנעלער גיין,
זאָל נאָר דער בארג וואָס לענגער זיין,
וואָס ווייטער ביז׳ן טאָל אריין.

דו פליסט פון בארג אראָפּ אין טאָל
און טרעפסט דאָרט שליטלאַך אָן אַ צאָל,
פאַרטשעפּעסט איינס און ס׳פאַלן צוויי,
אַ ווילדער קוויטש, אַ ווילד געשריי....
דו שלעפּסט דאָס שליטל בארג ארויף
און ס׳דוכט: דער בארג ער האָט קיין סוף,
אַ שפּאַן פאָרויס — אַ גליטש צוריק,
דו ברענסט פון אומגעדולד און גליק.

און דאָרט, אַנטקעגן אויפ׳ן בארג,
אויף זיין משופּעדיקן קאַרק,
דאָרט שלענגלען זיי זיך שורותווייז
דריי לאַנגע קאַרעטעס מיט אייז.

ניט קוק דערויף, וואָס ס'איז שוין שפּעט,
נעם דינג דיר אַ טאַבאַגן-ברעט,
פאַרליר קיין צייט, ניט שטיי און טראַכט,
נעם פּאַק אריין אַ מענטשן אַכט,
דער ערשטער פאַר'ן צווייטנס פּיס,
און פלוצלונג — זיך פון אָרט אַ ריס,
און איידער ווען און איידער וואָס —
דו פליסט שוין איבער אייז ווי גלאָז.
פאַרפאַלן, מוזט שוין גיין פאַרויס,
און ס'האַרץ — עס וויל פון ברוסט ארויס,
און האַ, האַ, האַ! און הו, הו הו!...
דו ביסט שוין ווייס איך, ווייס איך וואו....

אַ מעשהלע־שעה

גענוג שוין געהוליעט, גענוג שוין געשטיפּט,
זעט ווי דער שווייס פון די פּנימער טריפט,
זעט ווי צעפּאַליעט איר זייט און צעפּלאָמט,
הענט ניט געוואַשן און האָר ניט געקאַמט.

זעצט זיך אַנידער אין שאָטן אָט דאָ,
ווילן מיר האָבן אַ מעשהלע־שעה.
אַ מעשהלע־שעה, אַ מעשהלע־שעה!
אַמאָל איז געווען און היינט איז נישטאָ.

אַ לעגענדע

ווען דער שבט פֿון די אַטאָם,
פֿון די גרינגע פֿלינקע אַטאָם,
וואָס זיי טראָגן זיך אויף רעדער
פֿון דעם ווייכסטן בעסטן גומי
און זיי טרינקען קיין געטראַנקען
אויסער ריינסטע גאַזאָלינען,
וואָס די פֿונקען פֿון עלעקטריע
צינדן אָן אין זיי אַן אָטעם
און זיי פֿליען אויף די וועגן
ווי די פֿיילן אויס'ן בויגן, —

ווען דער שבט פֿון די אַטאָם
פֿון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט
האָט באַזיגט דעם אַלטן שבט
פֿון די שטאָלצע פֿערדיאַנער;
אָט פֿון יענע פֿערדיאַנער,
וואָס זיי פֿלעגן אויף זיך טראָגן

פון די רייכסטע פיינסטע פריצים
ביז די קעניגן און פרינצן,
אַט פון יענע פערדיאַנער,
וואָס זיי פלעגן גיין געשפּאַנטע
אין די גאָלדענע קאַרעטעס,
אויסגעפּוצט מיט זילבער־גלעקלאַך, —

ווען די אַלטע פערדיאַנער
זיינען טיף אַזוי געזונקען,
אַז געשפּאַנט אין מילך־וואָגן,
האָבן זיי געמוזט צעטראָגן
יעדן מאָרגן, יעדן מאָרגן
פלעשער סמעטענע און מילך
צו די טירן פון די הייזער,
פון די שלאָפנדיקע הייזער,
האָט דער לעצטער פערדיאַנער
פון דעם יחוס׳דיקן שבט
אין דער נאַכט פון זיין גסיסה
אויסגערעדט אַ שווערע קללה:

זאָל דער חוצפה'דיקער אַטאַ
זיך צעפּרוכפּערן און מערן,
זאָל ער פליען און צעשטערן
זיין באַשעפער דעם בן־אדם.
זאָל ער טייטן זיינע קינדער
אויף די גאַסן, אויף די וועגן,
יעדער קרייץ וועג, יעדער שייד־וועג —
אַ מזבח פאַר אַ קרבן...

און זינט דאַמאָלט זיינען קינדער
שוין אין טויזנטער געשטאָרבן,
יעדע שעה, אויף יעדן קרייץ־וועג
פאַלט אַ נייער פרישער קרבן.



שטיפעריי

א.

העי, שטיפערוקעם אזוינע און אזוינע,
מיט אייגעלאך שווארצע און אייגעלאך ברוינע,
מיט נעזעלאך טרוקענע, נעזעלאך נאסע,
מיט פנימלאך ראזע און פנימלאך בלאסע,
איך האב אייך דערציילט שוין די אלטינקע מעשה
פון פעטערל וואלף און א ציגעלע א ווייסע,
איך האב אייך דערציילט שוין פון שרעטעלע קליינעם
וואס שפינט זיך א גאלדענעם פאדים א ריינעם,
איך האב אייך דערציילט ווי אזוי ס'האט געטראפן
און ס'איז די בת־מלכה צען יאר אפגעשלאפן,
פון צוועלף גזלנים, פון אידעלאך רויטע,
פון שלמה דעם חכם און יקטן דעם שוטה,
און איצטער קונדסימלאך, לאזט מיך דערמאנען,
איך וועל אייך דערציילן, אבי כ'וועל נאר קאנען,
פון זיך ווען איך בין נאך געווען א ברעקל,
א קונדס, א שטיפער, א שנעק שבשנעקל.

ב.

צי קאַנט איר מיר זאָגן, קונדסים איר מײַנע,
צי קאַנט איר מיר טרעפֿן, למדנים איר פֿײַנע,
וואָס איז דאָס בעסטע פֿון אַלע מאכלים
וואָס גלוסט זיך אַזש עסן אַפֿילו אין חלום?
— צוקערקעס! צוקערקעס! —שווײַגט שטיל, שטיפֿערוקעס,
אױ גאָרגלען צערײסענע, אױ נאַשערוקעס!
גיט טוט נאָר אַ פֿרעג בײַ מײַן ברודערל פּישקע,
ער זאָגט, אַז דאָס בעסטע איז „וואַרשעווער קישקע“,
מיט קנאָבל און פֿעפֿער אַזױ אַז ס'זאָל בריען,
און לאַנג זאָל זי זײַן — אַזש אױף מײלן זיך ציען.
נאָר לאָמיר אײַך זאָגן — ער איז אַזאַ מבין,
אַט פּונקט אַזאַ מבין װי ס'קעצל אױף היװן,
דאָס טײַערסטע מאכל, פֿאַרשטײט איר אַ מעשׂה,
איז קאַשע מיט יויך מיט פֿאַסאָלקעלאַך װײַסע!
עך קאַשע, מײַן קאַשע, די אמתע ברױנע,
אַפֿילו אַצינדער דערלאַנגט מיר אַזױנע!

כ׳בין דאמאלט געווען טאקע גאר נאך א פיצל
און אלט געווען בין איך — צוויי יאר מיט א שמיצל,
נאך גאר ניט פארשטאנען אין חכמה פון לייענען,
געוואוסט נאר קאמאנדעווען, לאכן און וויינען.
פלעגט רבי נפתלי אין הויז אריין קומען —
די שוועסטערלאך מיינע צום קנעלן גענומען,
און איך, איך פלעג זיצן און קוקן צום רבין:
נו, זאל ער אין סידור א קוק מיר כאטש געבן,
האט רבי נפתלי מיין טענה פארנומען
און האט מיך צו זיך אויף די קניעס גענומען,
און טייטלענדיק מיר מיט׳ן טייטל אין סידור,
האט רבי נפתלי דערקוויקט מיינע גלידער:
זאג איינגעלע: קאשע און יויך און פאסאליע...
אך, ליבער און הארציקער רבי נפתלי,
כ׳האב נאכגעזאגט ערנסט, געזאגט און געקוועלט,
דאס לערנען איז טאקע געשמאק ווי די וועלט.

ג.

איך בין שוין מיט מזל אַ אינגל צו לייטן,
איך וועל שוין דעם כף מיט דעם בית ניט פאַרבייטן,
איך לערן שוין טראָף און איך זאָג מודה אני,
איך בין שוין אַ קונדס פון רבינס קאָמפּאַניע,
איך שפּיל שוין אין קנעפּלאַך אויף ד׳רערד אין אַ גריבל,
דאָס מאַכן מיר טאַקע באַם רבין אין שטיבל,
די ערד איז אַ ליימענע, לאָזט זי זיך שאָבן,
איז גרינג מיט די פינגער אַ גריבל צו גראָבן.
איך שפּיל ווי אַ מזיק, פאַרשטייט זיך אויף סחורה,
און קומט עס צום בייטן זיך, האָט ניט קיין מורא,
דער מקח פון קנעפּ איז באַ מיר ווי פאַרשריבן:
אַ ביינערנער קנאָפּ איז ווי בלעכענע זיבן,
אַ מעשענער קנאָפּ ווי אַ שפּיגעלע גלאַנציק,
אים קאָנט איר ניט קריגן פאַר בלעכענע צוואַנציק.
איז גוט אַז ס׳פּידלט — און וואָס אַז עס גליקט ניט?
אַ קנעפּל אַנטלייען? — און וואָס אַז מע קריגט ניט?
איז וואו טאַקע קריגט מען די קנעפּ ווילט איר ווּיסן?
פון רעקל געצופּט און פון הויזן געריסן,
די צרה איז נאָר וואָס זיי האַלטן אַן אייזן —
געמוזט זיי מיט שטיקלאַך פון רעקל אויסרייסן
און וואָס האָט די מאַמע דערויף געדאַרפט זאָגן?
איך ווינטש אייך דאָס היינט אויפ׳ן ניכטערן מאָגן,
וואָס איך האָב געכאַפּט און געלייזט פונ׳ם טאַטן,
נישקשה, קונדסים, עס וועט אייך ניט שאַטן!

ד.

איך ווייס ניט ווי איר, נאָר למאַי זאָל איך זאָגן,
נאָך ערגער ווי טויט האָב איך פיינט זיך צו צוואָגן!

ב׳האָב פיינט אַז די זייף קריכט מיר גלייך אין די אויגן
און דאָך מוז איך שטיין פאַר דער שיסל געבויגן
און לאָזן זיך טאָן וואָס דער מאַמען פאַרווילט זיך.
זי רייבט מיר די נאָז און זי שרייט און זי שילט זיך:
וואָס שטייסטו און דרייסט זיך אַט פונקט ווי אַ וואָרעם?
זי טוט מיך אַ הייב און אַ נעם אונטער אָרעם,
און פוץ! מיר דאָס קעפּל אין וואַסער געטונקען....
גוואַלט, ראַטעוועט, קינדער, אַט ווער איך דערטרונקען!
איך וואַרף זיך דערשראָקן און דריגע אַ פּיסל.
ווען נעמט שוין אַ סוף צו דער טריפּענער שיסל?
און נאָכדעם דאָס קעמען: מע שלעפּט און מע שטופּט מיך,
מע רייסט מיר די האָר, און מע קראַצט און מע צופּט מיך —
איך ווייס ניט ווי איר, נאָר למאַי זאָל איך זאָגן,
נאָך ערגער ווי טויט האָב איך פיינט זיך צו צוואָגן!

ח.

זומער-לעב, זומער-לעב, אַך ס'אַרא לעבן !
ניט מער ווי אַ שעה נאָך — און פּטור פון רבין...
דער טאָג איז אַ גרויסער, דער הימל אַ טיפער,
די ערד איז אַ ברייטע און איך בין אַ שטיפער,
און ס'ווילט זיך מיר שטיפן און ס'ווילט זיך מיר לאַכן,
אויף איין פוס צו טאַנצן און קאָזשילקעס מאַכן,
און שפּילן אין פערדלאַך — אַז גיין זאָל אַ פּאַרע,
און לאָזן אַ שלאַנג אין דער הייך ביז דער כמאַרע,
און אַרבעטן מעשים, און וועלטעלאַך קערן,
אַבי ס'זאָל מיר קיינער ניט, קיינער ניט שטערן.

„מאַכט צו די סידורים און שטעלט זיך אין שורה !"
קלינגט פריילאַך דעם רבינס פּאַרנאַכטיקע בשורה.
מיר שטעלן זיך אויס און דער רבי נעמט פרעגן :
„ווי מאַכט מען אַ ברכה אויף אַ זון מיט אַ רעגן ?

אויף אַלערליי גרינסן וואָס וואַקסן אין פעלדער?
אויף פּירות וואָס וואַקסען אין גערטנער און וועלדער?
און וואָס איז די ברכה אויף אייעריקע זאַכן?
אויף דונער און בליץ ווי אַזוי דאַרף מען מאַכן?"
מיר ענטפערן הויך מיט אַן ערנסטער מינע
און ס'קלינגען ווי גלעקלאַך די קולעכלאַך דינע.
„און וואָס דאַרף מען געבן אַן אורח זאָל לעבן?"
— אַן אורח באַדאַרפן מיר שלום אָפּגעבן!
„מיט וועלכער האַנט גיט מען שלום עליכם?"
— מיט דער רעכטער האַנט גיבן מיר שלום עליכם!
„און וועלכע האַנט איז, קונדסים, די רעכטע?"
— אָט דאָס איז די רעכטע! אָט דאָס איז די רעכטע!
און ס'הויבן זיך הענטעלאַך יונגע און פלינקע,
און נים דוקא רעכטע — נאָר רעכטע און לינקע...

„און איצט זייט איר פריי, נאָר געדענקט וואָס מען זאָגט אייך:
גייט רואיק אַהיים און ניט קריגט און ניט שלאָגט אייך,
און זאָל זיך נאָר עמיצער עפּעס באַקלאָגן,
דאַן וועל איך אייך ממיתן, הרגענען שלאָגן!"
נאָר ווער הערט זיך צו צו דעם רביגנס דיבורים?
אַט וועל איך זיך זאָרגן און האָבן יסורים!
אַ שפּרונג און אַ לויף — אַז דער קאָפּ זאָל זיך שפּאַלטן,
און ווער קאָן אין אמתן רואיק זיך האַלטן?
אַז ברייט איז די ערד און דער הימל אַ טיפער
און איך בין אַ קונדס, אַ שרעקלאַכער שטיפער!

דער באָבעס אַ מעשה

ס'איז שוין דאָ אַ ים מיט יאָרן,
כ'בין נאָך דאַן געווען אַ קינד,
נאָר די מעשה — איך געדענק זי
גלייך זי האָט פּאַסירט אַצינד.

ס'איז געווען אַ ווינטער־אָוונט.
ווינטער איז אין דרויסן קאַלט,
און אין שטוב איז ליכטיק, וואַרעם,
זיצט מען אַלע: יונג און אַלט.

אויבן זיצט באַם טיש דער טאַטע
(אָפּגעשיידט פון אונדז זאָל זיין),
אויפן טיש אַ ספר אָפן
און ער קוקט פאַרטיפט אַריין.

בײַ דער רובע אַלע קינדער.
פֿלאַפּלען, אַט ווי דו אַצינד,
ווער פֿון אונדז עס שפּילט אין „בעטל“,
ווער עס שטריקט אַ זאָק געשווינד.

און די מאַמע איז פֿאַרפֿאַרעט
דאָרט אין קיך, זי פּרעגלט שמאַלץ,
שײַטלאַך קנאַקן, ס'שלאָגט אַ פּאַרע,
ריחות קיצלען אַזש אין האַלדז.

און זי שטייט זיך שטיל בײַם פֿײַער,
קוקט צום קעסל, קוקט און טראַכט,
פּלוצלונג האָט דאָס קוימען־טירל
מיט אַ פּראַל זיך אויפֿגעמאַכט.

גייט די מאַמע צו צום טירל,
טוט אַ קוק — און הער אַ שײַנס!
אין דעם לאָך פֿון קוימען טירל
שטעקט אַ הענטעלע אַ קליינס.

ס'איז אַ שרעטעלע געווען,
ס'האָט וווינט אויף דאָס שמאַלץ דערשמעקט
און עס האָט דאָס קליינע הענטל
נאָך אַ גריוו אַרויסגעשטעקט.

און אַ שרעטל, דאַרפסטו וויסן,
איז אַ ברכה אין אַ הויז,
מאָנט עס עפּעס — דאַרף מען געבן,
מזל וועט דערפון אַרויס...

לויפט די מאַמע נאָך אַ לעפל,
ציט אַרויס אַ גריוו געשווינד,
לייגט אַריין אין קליינעם הענטל
און דאָס שרעטעלע פאַרשווינדט.

און די מאַמע פּרעגלט ווייטער,
אויסגעפּרעגלט גוט און פיין,
און זי נעמט עס איבערגיסן
אין אַ גרויסן טאָפּ אַריין.

אָנגעפּילט אַ טאָפּ, אַ צווייטן
און אַ דריטן ביז אַרויף,
און דאָס שמאַלץ עס פּליסט און גיסט זיך,
פּליסט און פּליסט און הערט ניט אויף.

ס'גייט אַוועק אַ שעה, אַ צווייטע,
און אין שטוב — מע וואונדערט זיך:
עפּעס זאַמט זיך דאָרט די מאַמע,
עפּעס זיצט זי לאַנג אין קיך.

הויבט זיך אויף פון טיש דער טאַטע
און ער לאָזט אין קיך זיך גיין,
און נאָך אים — די קינדער אַלע,
נאָר דאָס קלענסטע בלייבט אַליין.

קומט אַריין אין קיך דער טאַטע,
טוט אַ קוק און זאָגט קיין וואָרט.
און די קינדער קוקן, שטוינען,
נאָר מע רירט זיך ניט פון אָרט.

און די מאַמע גיסט און שמייכלט,
אָנגעפילט שוין וואו אַ טאָפּ.
און דאָס שמאַלץ — עס מערט און מערט זיך,
און אין קעסל פעלט קיין קאָפּ.

פּלוצלונג — לויפט אַריין דאָס קלענסטע
און עס טוט אַזאַ געשריי:
זע נאָר וויפיל שמאַלץ דו האָסט שוין!
וויפיל טעפּלאַך, זע נאָר זע!

איז ווי נאָר עס זאָגט די ווערטער,
בלייבט דער שטראָם פֿאַרגליווערט שטיין,
און דער קעסל — טרוקן, ליידיק,
גלייך ס'איז גאָר קיין שמאַלץ געווען.

אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט,
גליק איז שרעקעדיק, מיין קינד,
זאָגט נאָר ווער אַ וואָרט אַ העכערס —
איז אַן עק, דאָס גליק פֿאַרשווינדט.

נאָר דאָס שמאַלץ איז גוט געווען!
טעם — גן עדן, קאַשיק, קלאָר,
און עס האָט באַ אונדז געדויערט
אפשר גאַנצע פינף יאָר.



חנוכה

מיט הונדערטער, הונדערטער יאָרן צוריק,
ווען דאָס אידישע פאָלק האָט געלעבט נאָך אין גליק
אין זיין אייגענעם לאַנד, און איז פריי נאָך געווען,
איז אַ שרעקלאַכע, שרעקלאַכע מעשה געשען.
אַ קעניג אַ בייזער מיט שווערד אין דער האַנט
איז אַריין מיט זיין חיל אין אידישן לאַנד,
אנטיוכוס הרשע — דער גיפטיקער האַר,
וואָס האָט אונדז פאַרשאַפן פיל צרות און צער.
ער האָט זיך צעלייגט ווי אַ שטאָט באַלעבאָס, —
און געגעבן באַפעלן: טו דאָס און טו דאָס!
און הילפלאָז געווען איז דאָס פאָלק אין זיין בראָך,
געקרעכצט און געטראָגן דעם ביטערן יאָך.
נאָר ס'ערגסטע פון אַלץ איז געקומען צום סוף —
אַזאַ מיאוסער באַפעל, אַזאַ גרויזאַמע שטראָף!

„איך קעניג אַנטיוכוס באַפעל אייך אַזוי:
יעדער אידישער מאַן, יעדע אידישע פרוי,
און אפילו דאָס מינדסטע אידישע קינד,
זיי טאָרן קיין אידן נישט מער זיין אַצינד,
נאָר גריכן, נאָר גריכן מוזן אלע איצט זיין,
און ריידן די גריכישע שפראַך, וואָס איז פיין,
און בוקן זיך נאָר צו דעם גריכישן גאָט,
און הערן און פאָלגן מיין יעדן געבאָט.
און ווערט מען ניט פאָלגן — דאַן שינד איך די הויט,
און כאַפ איך אַ אידן — באַלד גיב איך אים טויט".

אַך, וואָס פאַר אַ צרות און שרעקלאַכן צער
עס האָט אונדז פאַרשאַפן דער גריכישער האַר!
נאָר ענדלאַך, ווען יאַך איז געוואָרן צו שווער,
האָט דערהערט זיך אַ שטימע: איך קאָן שוין ניט מער!
צו גרוים די יסורים, צו שווארץ איז די שאַנד,
שטייט אויף אַלע אידן פאַר פאָלק און פאַר לאַנד!

יאָ, ס'האָט זיך געפונען אַ מוטיקער העלד
מתתיהו הכהן. ר'האָט זיך קעגנגעשטעלט,
נישט געלאָזט צו פאַרשקלאַפן זיין פאָלק און זיין לאַנד
און געשלאָגן דעם שונא מיט שווערד אין דער האַנט.
עס איז אים דעם רשע ניט אָפגעגאַן גלאַט —
פינף העלדישע זין האָט מתתיהו געהאַט.
נאָר דער העלד צווישן העלדן איז יהודה געווען,
אַך, וואָס פאַר אַ קעמפער דאָס פאָלק האָט געזען!
צעקלאַפּט האָט יהודה דעם שרעקלאַכן פיינט,
און ס'איז ליכטיקער יום-טוב פאַרבליבן ביז היינט,
אַ יום-טוב פון פרייהייט פאַר פאָלק און פאַר לאַנד,
אַ חנוכה יום-טוב אַכט טעג נאָכאַנאַנד.